Юрьевская Еврейская
библіотека имени
Д-ра Я. А. Зитреа
№ 810

פּר. 2 קאָפּ. № 9.




# צי טויג ארץ־ישראל פאר קאלאניזאציע

פון

פּראָפעסאר א. וואַרבורג

צווייטע אויפלאגע

אדעס, תרע״ד.

עקז׳ 20.000 — 25.000

# פערלאג „ציוניסטישע קאָפּיקע־ביבליאָטהעק“.

| | | | |
|---|---|---|---|
| № 1 | מ. ל. ליליענבלום. ראשון לציון. — — — — — | פרייז 2 קאפ. | 20.000 עקז. |
| № 2 | מ. אוסישקין. דער ערפאלג פון דער יודישער קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל פאר די לעצטע 25 יאהר. | „ 3 „ | 35.000 „ |
| № 3 | ד״ר י. ספיר. דער אכטער ציוניסטען־קאנגרעס. — | „ 1 „ | 20.000 „ |
| № 4 | וו. זשאבאטינסקי. דאָס באוועלער פראגדאס. — | „ 2 „ | 35.000 „ |
| № 5 | ש. שווארץ. דער שקל. (דריטע אויפלאגען). — | „ 1 „ | 35.000 „ |
| № 6 | י. ראבינאָוויטש. פאר וואס ארץ־ישראל ? — — | „ 2 „ | 30.000 „ |
| № 7 | ד״ר פאסמאניק. די פערווירקליכונג פון׳ם ציוניזם. — | „ 3 „ | 20.000 „ |
| № 8 | מ. ל. ליליענבלום. דער פאלעסטינא־קאמיטעט. | „ 2 „ | 15.000 „ |
| № 9 | א. ווארבורג. צי טויג א״י פאר קאלאניזאציע. | „ 2 „ | 25.000 „ |
| № 10 | ד״ר יוסף קלוזנר. משה רבנו. — — — — — | „ 1 „ | 20.000 „ |
| № 11 | ליעדער פאר׳ן פאלק געזאמעלט פון ל. יפה. | „ 12 „ | 13.000 „ |
| № 12 | י. ל. בערגער. דער יודישער נאציאנאל־פאנד. | „ 2 „ | 20.000 „ |
| № 13 | משה קליינמאן. אונזער נאציאָנאל־שפראך. — | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 14 | ציוני פשוט. וואס איז אונזער ארץ־ישראל. — — | „ 3 „ | 10.000 „ |
| № 15 | מ. ל. ליליענבלום. גאולה תתנו לארץ. — — | „ 2 „ | 15.000 „ |
| № 16 | ד״ר יוסף ספיר. די געשיכטע פון ציוניזם א׳. — | „ 3 „ | 10.000 „ |
| № 17 | ב. גאלדבערג. די יודישע קאלאניאל־באנק. — — | „ 3 „ | 10.000 „ |
| № 18 | משה קליינמאן. דער גלות. — — — — — — | „ 3 „ | 10.000 „ |
| № 19 | ב. שפיעלבערג. יודישע ארבייטער אין א״י. — | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 20 | גר. בראדאווסקי. די געשיכטע פון ארץ־ישראל. | „ 3 „ | 7.000 „ |
| № 21 | ש. שווארץ. די ציוניסטישע ארגאניזאציע. — — | „ 2 „ | 20.000 „ |
| № 22 | פראפ. שץ. בצלאל. — — — — — — — — | „ 5 „ | 10.000 „ |
| № 23 | מ. זיידמאן. די העברעאישע קאנפערענץ. — — | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 24 | ד״ר יוסף ספיר. דער ניינטער ציוניסטען־קאנגרעס. | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 25 | משה קליינמאן. רבי מ. ל. ליליענבלום. — — | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 26 | מ. שאליט. די ביל״ו׳צעס. — — — — — — | „ 1 „ | 10.000 „ |
| № 27 | ד״ר פאסמאניק. אונזער „נאציאנאלע קולטור. — | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 28 | ש. גארעליק. אויף וואס דארף מען דאס ? — — | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 29 | ד״ר י. ספיר און מ. קליינמאן. א. ל. לעווינסקי | „ 2 „ | 7.000 „ |
| № 30 | א. ל. לעווינסקי. א רייזע קיין א״י אין יאהר ת״ת. | „ 5 „ | 5.000 „ |
| № 31 | ד״ר מ. גליקסאן. די געשיכטע פון ציוניזם ב׳. | „ 5 „ | 7.000 „ |
| № 32 | ד״ר יוסף ספיר. דער 10־טער ציוניסטען־קאנגרעס. | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 33 | צ. פשוט. די וויכטיגקייט פון יודישען ארבייטעראין א״י | „ 1 „ | 10.000 „ |
| № 34 | פ. קאפלאן. די יודישע נאציאנאל־ביבליאטהעק. — | „ 2 „ | 10.000 „ |
| № 35 | ד״ר י. ספיר. דער 11־טער ציוניסטען־קאנגרעס. — | „ 3 „ | 8.000 „ |

אויף נאכנאהמע שיקען מיר ניט ווייניגער ווי אויף א רובל.

**Одесса. Д-ру Сапиру. Dr I. Sapir, Odessa:**

# צי טויג ארץ־ישראל פאר קאלאניזאציע?

**פון פראפעסאר א. ווארבורג.**

גאנץ אפט שטעלט מען אונז די דאזיגע צוויי פראגען: איהר זאגט, אז די יודען־פראגע קאן פערענטפערט ווערען נאר אין ארץ־ישראל, אבער, ראשית, ארץ־ישראל איז דאך א וויסט פערלאזען לאנד, די ערד איז ניט פרוכטבאר און איז ניט מסוגל צו קאלאניזאציע, והשנית, ארץ־ישראל איז דאך בעזעצט דורך אראבער און ס'איז דארט נאר קיין פלאץ ניטא פאר יודען.

אויף אט די צוויי פראגען וועלען מיר זיך אבשטעלען אין דעם דאזיגען ביכעל.

בנוגע צו דער ערשטער פראגע האט טאקי גאנץ לאנג געהערשט די מיינונג, אז ארץ־ישראל טויג לחלוטין ניט פאר קאלאניזאציע, אז עס איז א מדבר געווארען, וואו ס'קאן גאר קיין ישוב ניט ווערען.

אט די מיינונג האט אבער איצט קיין שום ווערטה ניט, א דאנק די פארשונגען פון די געלעהרטע און די ערפאהרונגען פון די ערשטע פיאנערען. אט די אלע האבען דערוויזען, אז דאס לאנד איז בכלל ניט פערוויסט געווארען, אז בעארבייטענדיג עס, גיט עס גאנץ גוטע, אפילו גלענצענדע הכנסות און אז אפילו בנוגע צום קלימאט איז עס דער בעסטער ארט אינ'ם געגענד פון ים־התכון. דערהויפט האבען פיעל דערוויזען די ענגלישע עקספערטען, סיר טשארלעז ווארען, סיר טשארלעז ווילסאן און דער פאלקאווניק קאנדער, וועלכע האבען געהאט די פאלשטענדיגע טעגליכקייט אויסצופארשען ארץ־ישראל בנוגע צו איהרע ווירטשאפטליכע תנאים אין דער צייט פון זייער פיעל־

יעהרינגע רייזען איבער דאס לאנד. זיי אלע זענען געקומען צו איינעם און דעמזעלבען בעשלוס, אז דאס לאנד איז דורכאויס גוט פאר קאָלאניזאציע.

צו די זעלבע רעזולטאטען, צו וועלכע ס'זענען טהעארעטיש געקומען די געלעהרטע און די מיליטערישע א דאנק זייערע פארשונגען, זענען פאקטיש געקומען די דייטשע קאלאניסטען, די ווירטעמבערגער טעמפלער, וועלכע וואוינען דארט פון'ם יאהר 1868 און האבען געגרינדעט בליהענדע קאלאניעס און דערפער. ווען יונג דער בירגערמייסטער פון איינער פון די דאזיגע קאלאניעס, פובליקירט אין'ם יאהר 1902, אז אין א גערעטעניש־יאהר בעקומט מען פון יעדער העקטאר 3000—2500 קילאגראם ווייץ, 2500—2000 קילאגראם גערשטען, 1500 קילאגראם מאאיס, 1500—1200 ק"ג דורהא און 10,000 ק"ג קארטאפעל, איז דער וואס האט נאר א שטיקעל ידיעה אין דארפס־ווירטשאפט, פערשטעהט, אז דאס איז א גרויסער ערפאלג. און אז דאס איז ניט קיין פוסטע בעריהמעריי, קאן בעווייזען דער פאקט וואס די דאזיגע קאלאניסטען קויפען־צו אלע מאל ערד, און אט אין דער לעצטער צייט האבען זיי געגרינדעט נאך א קאלאניע און גרייטען זיך צו גרינדען די צווייטע אויף דער נאר וואס געקויפטער ערד.

אזעלכע ביישפיעלען קאן מען ברענגען פיעל פון יודישע קאלאניעס. ליידער ווייס איך אבער, אז אונזערע יודען קאן איבערצייגען נאר דאס, וואס מענשען פון אנ'אנדער אומה טהוען און זאגען. איך וויל דא נאר ברענגען איין ביישפיעל פון דער קאלאניע מקוה־ישראל ביי יפו, וואו אין דער אקערבוי־שול פון דער אליאנס איז אינ'ם יאהר 1905 געווען דאס גערעטעניש: סעזאם 15 פאך (Самъ 15), ווייץ 10 פאך. נאטירליך איז דאס גאנצע לאנד ניט אזוי פרוכטבאר ווי דאס דאזיגע שטיקעל ערד; ס'זענען פארהאן גרויסע שטרעקעס בערגיגע ערד, וועלכע טויגען ניט פאר תבואה־קולטור, דערפאר אבער זענען זיי זעהר גוט פאר וויינגערטנער און דער עיקר פאר אליווען; א קליינער טייל לאנד, ווי דער אזוי אנגערופענער מדבר־יהודה, טויג פאר אזעלכע פלאנצונגען, ווי אנאזען,

קאַקטוס א. א. וו., וועלכע וואַקסען אויסגעצייכענט אויף אונפרוכטבאַרע ערטער.

דער עיקר צייכענט זיך אויס מיט זיין פרוכטבאַרקייט דער עמק־הירדן. ווען דאָ וועט זיין אַ גוטע בעוועסערונג מיט דער הילף פונ'ם וואַסער פון ירדן, וועלען דאָ וואַקסען ניט נאָר העררליכע וועלדער פון פייגען־פאַלמען, מירהען און ווייהרויך־בוימער, וועלכע זענען דאָ געוואַקסען אין די אַלטע צייטען, נאָר אפילו אַזעלכע טייערע קולטורען, ווי דער צוקער־ראָהר און בוימוואָהל וועט מען דאָ אויך קאָנען איינפיהרען. נאָך איצט זאָגען עדות די חורבות פון די אַלטע פרענקישע צוקער־ראָהר־מיהלען, ווי הויך אַז די קולטור איז געשטאַנען אין דעם שעהנעם, הגם הייסען אָרט.

די מזרח־זייט פון ירדן־געגענד, דער עבר־הירדן, וואו ס'טומעלט זיך איצט פון די פיעל טשערעדעס פון שאָף און רינדער, איז זעהר אַ גוט לאַנד פאַר תבואה־קולטור. ווי אין די אַלטע צייטען, קאָנען זיך איצט אויך דאָרט ציהען פעלדער פון חיטין און גערשטען ביז ווייט אין מזרח, וואו ס'געפינט זיך שוין איצט די העדזשאַס־באַהן, וועלכע וועט אין קורצען פעראייניגען קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט דער הייליגער מעקא. אין מזרח פון עבר־הירדן צווישען אַ מדבר און תבואה־ערד, ציהט זיך אַ שטיק פּאַשע־ערד, וועלכע איז זעהר גוט פאַר שאָף און רינדער און וואו ס'וועט זיך מיט דער צייט קאָנען פערנעהמען מיט אַראַבער פערד־צוכט און אפילו מיט שטרויס־צוכט, וואָס ס'וועט נאָר גיך געבען גרויסע הכנסות.

יענער טייל לאַנד, וועלכער הייסט צים־ירדן, וועלכען מ'בענוצט איצט דער עיקר פאַר תבואה, האָט זעהר אַ גרויסען ווערטה, ניט מחמת די איצטיגע מקחים אויף די ערד, נאָר מחמת דעם, וואָס די גרויסע רעזולטאַטען, וועלכע ערוואַרטען דעם דאָזיגען טייל לאַנד, זענען נאָך ניט ערריכט געוואָרען. אַט די ערד פאַסט איינענטליך בעסער פאַר גערטנעריי, דאָרט וועט זיך מיט דער צייט ענטוויקלען אָראַנזשען אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דער צושטאַנד פונ'ם גרונד־וואַסער וועט עס נאָר ערלויבען. דאָרט וואו דאָס וואַסער געפינט זיך טיעפער

וועט מען קאנען פלאנצען מאנדעל-בוימער, אבריקאסען, ראזשינקעס, פייגען, אדער גראנדיעזע אליווען-וועלדער, וועלכע האבען. אמת, א חסרון, וואס זיי ברייננען פרוכט אין א לאנגע צייט ארום, דעם חסרון אבער פערגלייכען די גוטע הכנסות, וועלכע ס'ברייננגען די זייטיגע פראדוקטען און די וועלדער און דאס וואס די בוימער גופא לעבען פיעל לענגער פון אלע אנדערע פרוכט-בוימער. מ'בעגעגענט דארט אליווען-בוימער פון 300—400 יאהר אלט, וועלכע גיבען נאך הכנסה, מ'קאן דארט אפילו טרעפען עקזעמפלארען, וועלכע זענען אלט 1000 יאהר,

פאר א בעווייז, אז די פרוכט-בוימער-קולטור גיט א פיעל גרעסערע הכנסה, איידער תבואה-קולטור, קאן דיענען פאלגענדעס: די מאנדעל-בוימער גיבען 8% דיווידענד, אראנזשען 15—20 פראצענט; אונ'ס לעצטען יאהר האבען אפילו די קלענערע פרוכטבארע אראנזשען געגעבען 15 פראצענט. די הכנסה פון אליווען-בוימער איז שווער פאראויס צו בעשטימען, ווייל זי שטייגט זעהר לאנגזאם; על כל פנים פאר מעהר עלטערע בוימער קאן מען רעכענען דעם ריוח פונ'ם אריינגעלעגטען קאפיטאל 10—15 פראצענט. ניט זעלטען שטייגט דער פראצענט אויף 20—30. נאר דער ווייןבוי לעבט איבער אין דער לעצטער צייט א קריזיס, ווייל אין די לעצטע צעהן יאהר האט מען געפלאנצט מעהר ווייגערטנער, וויפיעל וויין ס'האט געקאנט פערקויפען אויפ'ן מארק. מחמת דעם פערבייטען איצט די קאלאניסטען די ווייגערטנער אויף מאנדעל-בוימער און אנדערע קולטורען. נאר די 60,000 העקטאמעטער וויין, וועלכע די יודישע קאלאניעס אין ארץ-ישראל פראדוצירען איז זעהר ווייניג, אז מ'זאל דארפען מורא האבען פאר די צוקונפט פון אט דער קולטור. און ווען די יודישע קאלאניסטען, וועלכע פערנעהמען זיך מיט ווייןבוי, וועלען נאך האבען אייגענע קעלערס, ווי די דייטשע קאלאניסטען. און וועלען שוין ניט גיין אבהענגיג פון די צוויי גרויסע קעלערס, וואס אין ראשון לציון און אין זכרון-יעקב, וועלכע ראטהשילד האט געבויט און וואס געהערען פון איצט די קאלאניסטען, דעמאלט וועט זיך דער פערקויף פערגרעסערען, ווייל א טהייל פונ'ם וויין וועט ווערדען דעסטילירט און נאך

נוטען קאניאק, און א טייל, וועלכער ווערט בעארבייט נאך דער אונגארישער מעטהאדע, פערקויפט זיך, ווי אמת׳ער טאקייער וויין.

אויך נייע קולטורען, ווי טאבאק, נעראניען, ערד-ניס א. א. וו. נעהמען זיך דא אויך גוט צו. ווייטער האפט מען אויפצולעבען דא די פריהערדיגע פראדוקציאן פון בוימוואהל און זייד-צוכט, וועלכע וועלען דא מיט דער צייט שפילען אזא בעדייטענדע ראלע, ווי אויפ׳ן לבנון, פון וואנען דורך ביירוט אליין ווערט יעדעס יאהר ארויסגעפיהרט זייד אויף 22 מיליאן פראנק.

די פיה-צוכט שטעהט נאך דא זעהר נידעריג, ווי בכלל אין גאנצען מזרח; וואו מ׳קאן אבער אויפטהון ביי א גוטער ווירטשאפט, ווייזען אונז די דייטשע קאלאניסטען אין שרונה ביי יפו, וועלכע האבען א גאנץ וואוילע פרנסה פונ׳ם מילך-פערקויף. און דאסזעלבע זעהען מיר אויך ביי א לאנד-ווירט אין קאנסטאנטינאפאל. הגם די דאזיגע אונטערנעהמונג עקזיסטירט בסך הכל איין יאהר, דאך איז די מילך דארט אזוי בעליעבט, אז ס׳איז אונמעגליך צו ערפילען די גרויסע פאדערונג אויף איהר, און דעריבער האלט איצט א שווייצארישע קאמפאניע ביים מאכען פון דעם אנ׳אקציאנערע אונטערנעהמונג.

בנוגע צו דער אינדוסטריע איז שוין דערין עפעס נעטהון געווארען, נאר בכלל האלט זי זיך נאך ערשט אין ענטוויקלען. קיין גרויסע פאבריקען איז נאך דא ניטא, חוץ די צוויי גרויסע וויינקעלער, אנ׳על-פאבריק אין לוד, וועלכע געהערט א יודישער חברה, א מאשינען-פאבריק, וועלכע געפינט זיך אין יודישע הענד, א גרויסע רעפאראטור-ווערקשטאט אין יפו, א רייה מיהלען, פון וועלכע א טייל ווערען פערוואלטעט דורך יודען און א טייל געהערען זיי גופא, עטליכע דייטשע ביער-ברייעריען, זייף-פאבריקען, איין צעמענט-פאבריק, אלט-פרענקישע וועבעריען, טעפעריען, נאבארניעס, פארבעריען, וועלכע געהערען דאס רוב צו אראבער. יודען האלטען איצט ביים גרינדען א שפינעריי-און וועבעריי-פאבריק און א זייפ-פאבריק. אלזא איז צו זעהן, אז ס׳איז נאך דא אפען א ברייט פעלד פאר ארבייט, און די ענטוויקלונג פון דער שטאדט ביירוט בעווייזט, אז אויך אין אינדוסט-

ריזע קאן מען אין מזרה אפילו אונטער'ן טערקישען עול זעהר פיעל איפטהון.

בנוגע צום מסחר פון ארץ-ישראל איז ער ניט אונבעדייטענד. דער אימפארט (דאס אריינפיהרען סחורה) און דער עקספארט (דאס ארויספיהרען סחורה) ערגרייכען יעדער ביז 28 מיליאן פראנק א יאהר, דורכשניטליך קומט עס אויס כמעט 47 פראנק אויף א מענשען, נעהמענדיג אין בעטראכט, אז נאר די סביבה פון יפו אליין פראדוצירט אויף 3,000,000 פראנק א יאהר, און אז אין עטליכע יאהר ארום וועט יעדע יודישע קאלאניע בעזונדער פראדוצירען ביז א מיליאן פראנק, קאן מען זיך שוין פארשטעלען, וואס פאר א עקספארט דא וועט זיין, ווען די פלאכע ערטער פון מזרח-ירדן וועלען בעדעקט ווערען מיט גערטנער. יפו איז נאך ביז איצט דער הויפט-האנדעלס-צענטער פאר'ן אימפארט, ווייל פון דארטען איינענטליך ווערען צוגעשטעלט פראדוקטען און די ווייניג פראדוצירענדע אבער פיעל ברויכענדע שטאדט ירושלים. אט די שטאדט בעצאהלט פאר די פראדוקטען, וועלכע זי קויפט, דערהויפט מיט'ן געלד פון די נדבות, וועלכע ווערען אהין אריינגעשיקט פון דער גאנצער וועלט; איין יודישע חלוקה נאר קומט אריין 4,000,000 פראנק, פיעל מעהר אבער זענען די סומען, וועלכע קומען-אן אויף איינצוהאלטען די מאנאסטירען מיסיאנען און די צדקה-אנשטאלטען אינ'ם לאנד, אזוי, אז די אלגעמיינע סומע קאן מען רעכענען 15,000,000 פראנק א יאהר.

די דרום נעבען-ים שטאדט פון ארץ-ישראל, גזה, איז פריהער ווי אליין דער האפען (פארט) פאר א גרויסע נעגענד, וועלכע איז פערזייהט מיט תבואה, פון וואנען ס'ווערט דערהויפט ארויסגעפיהרט שעינע גערשטען; דער עקספארט איז דא 8 מיליאן פראנק א יאהר, און דער אימפארט נאר 3 מיליאן. דער דריטער האפען לויט זיין גרויס נאך און זיינע מעלות איז חיפה, וועלכע בליהט און ענטוויקעלט זיך א דאנק דער אייזענבאהנ-ליניע, וועלכע פעראייניגט זי מיט דמשק און מיט דעם תבואה-רייכען חוראן. חיפה-אקרא אימפארטירט אויף 8 מיליאן פראנק א יאהר און עקספארטירט אויף 6½ מיליאן

פראנק; ס'איז שוין נאר ניט ווייט די צייט, ווען חיפה, אלס האפען-
וועט איבערשטייגען יפו. ס'פראיעקטירט זיך איצט דורך א לאנגע
אייזענבאהן-ליניע אין צים-ירדן צו פערבונדען חיפה, יפו און ירושלים
דורך נבלוס (שכם). די שאסע-וועגען זענען נאך גאנץ ווייט ניט דאס,
וואס זיי קאנען זיין, דאך זענען שוין איצט פאראן עטליכע גוטע
וועגען, און ס'איז שוין ניט ווייט די צייט, ווען די נייע אייראפעאישע
ערפינדונג, דאס אויטאמאביל, וועט בענוצט ווערען אין היילינגען לאנד.

אידער מיר ענדיגען מיט דער דאזיגער פראגע, ווילען מיר
אנווייזען דערויף, אז דאס עשירות, וועלכע איז בעהאלטען אין דער
ערד פון ארץ-ישראל, הגם ס'איז נאך זעהר ווייניג אויסגענוצט געווא-
רען, אבער דאס איז ניט אונבעדייטענד. דא געפינען זיך ניט נאר
אלין-אבלאגערונגען (Залежи) אין א גרויסער מאס ביים ים-המלח,
אויף וואס ס'ווייזט נאך-אן די אלטע לעגענדע וועגען לוט'ס ווייב, נאר
אויך פיעל טייערען פאספאר האט מען דא געפונען; הוץ ווידער וואס
דאס וואסער פון ים-המלח ענטהאלט אין זיך פיעל קאלי און בראם,
געפונט זיך אין דער סביבה פונ'ם ים-שוועבעל, אספאלט און שפורען
פון נאפט. חוץ דעם געפונען זיך דא זעהר פיעל ברויכבארע ליימס,
זאמד פאר גלאז-פאבריקאציע, וועלכע איז צום ערשטען דא ענשטאנען.

חוץ דעם פערמאגט דער עמק-הירדן א גרויסען אוצר אין
דעם שטארקען וואסער-פאל פון ירדן: אט דער טייך איז אויפ'ן בארג
חרמון אויף 370 מעטער העכער פון דער אויבערפלעכע פונ'ם ים-
התיכון, און וואו ער פאלט אריין אין ים-המלח איז ער נידעריגער
פון דער אויבערפלעכע פון ים אויף 304 מעטער, אזוי אז די הויך
פונ'ם וואסער-פאל, איז 674 מעטער; אלזא וועט די עלעקטרישע
קראפט פונ'ם וואסער-פאל קאנען פערבייטען די הייץ-קראפט פון קויה-
לען אין פאל, ווען דער נאפט און אספאלט ווילען ניט האבען גענוג
הייץ-קראפט פאר די צוקונפטיגע אינדוסטריע; די עלעקטריציטעט
וועט אלזא בכלל בעזייטיגען די הייץ-קראפט פון קויהלען אין די
צוקונפטיגע פאבריקען, וועלכע וועלען זיך בענוצען מיט די צענטראל-
סטאנציעס, וואס וועלען אויסגעבויט ווערען ביים וואסער-פאל און

וועלכע וועלען אויסנוצען זיין קראפט פאר מעכאנישע אדער עלעקטרישע קרעפטען.

אלזא זעהט איהר, אז אויף די ערשטע פראגע: צי איז ארץ-ישראל איבערהויפט א לאנד מיט א ווירטשאפטליכער צוקונפט? מוז מען אונבעדינגט ענטפערן: יא!

די צווייטע פראגע: וויפיעל מענשען קאן נאך ארץ-ישראל ארייננעהמען? קאן בעהאנדעלט ווערען אויף צוויי אופנים; ראשית, פערגלייכענדיג די תנאים פון ארץ-ישראל אין דער איצטיגער צייט מיט די תנאים פון דער פערגאנגענער, מעהר גליקליכער צייט, והשנית, פערגלייכענדיג די קלימאטישע און עקאנאמישע תנאים פון ארץ-ישראל מיט די תנאים פון די לענדער, וועלכע זענען ערנליך אויף איהר.

אין דער צייט ווען די איצטיגע בעפעלקערונג פונ'ם לאנד איז אנ'ערך 600,000 מענשען, זענען זעהר פערשידען די מיינונגען וועגען דער צאהל פון דער בעפעלקערונג אין דער אלטער צייט. דער פאלקאווניק קאנדער, אויספארשענדיג דאס לאנד און אונטערזוכענדיג די אלטע חורבות-שטעדט, קומט צום בעשלוס, אז די צאהל פון דער דעמאלטיגער בעפעלקערונג איז געווען גרעסער פון דער איצטיגער לכל הפחות אויף 10 מיליאן מענשען; ערנסטע דייטשע פארשער, ווי סאצין און שוועבעל, רעכענען, אז אויף איין קוואדראט קילאמעטער איז דעמאלט אויסגעקומען 96—120 מענשען, וואס ס'מאכט אויס אנ'ערך 3 מיליאן איינוואוינער. לויט יוסף פלאוויוס, וועלכער רעדט וועגען 204 שטעדט אין גליל, פון וועלכע די קלענסטע האט געצעהלט איבער 15,000 מענשען, קומט אויס קאנדער'ס ציפערן מעהר ריכטיג 1).

ארץ-ישראל מיט איהרע 29,000 קוואדראט-קילאמעטער איז אונגעפעהר אזוי גרויס ווי די פראווינץ פאזען אדער ווי בעלגיען, די

---

1) לויט טאציטוס'ס אנגאבען זענען געווען אין ירושלים, ווען טיטוס האט זי בעלאגערט, 600,000 איינוואוינער, לויט יוסף'ן אבער זענען אנ'ערך 1,110,000 אויסגעשטארבען און גע'הרג'עט געווארען אין דער צייט פון דער בעלאגערונג, און 94,000 זענען גענומען געווארען אין געפאנגענשאפט.

ערשטע האט 2 מיליאן איינוואהנער, די צווייטע 7 מיליאן. פאזען איז א מעסיג פרוכטבארעס אגראר-לאנד, בעלגיען — דערהויפט א אינדוסטריע-לאנד. ארץ-ישראל אבער קאן מען ניט פערגלייכען מיט איינער פון זיי. גלענצענד אבער איז די פערגלייכונג מיט סיציליען, ניט וויל די ביידע לענדער זענען די איינע גרוים, נאר אפילו דאס קלימאט, די געאגראפישע לאגע, דער באדען, די געוויקסען, די בעשעפענישען, די בעוועסערונג און אפילו די אינדוסטריע און די אגרי-קולטור זענען אין די ביידע לענדער זעהר עהנליך, אזוי דאס מען קאן זיכער זאגען, אז דאס, וואס ס'גילט ווירטשאפטליך פאר סיציליען, גילט עס אויך פאר ארץ-ישראל. ווען די בעפעלקערונג אין ארץ-ישראל דערגרייכט איצט ביז 600,000 מענשען, איז אין סיציליען, וועלכע האט אינ'ם 16 יאהר-הונדערט נעהאט ניט מעהר פון 800,000 איינוואוינער, דערגרייכט איצט די בעפעלקערונג ביז $3^1/_2$ מיליאן; די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך דארט געשווינד, און ווען ניט די לאטיפונדיען-ווירטשאפט [1]), וועלכע איז צום גליק אין ארץ-ישראל ניטא, וואלט זיך דארט די בעפעלקערונג נאך לאנג פערגרעסערט. אלזא זעהט מען, אז $3^1/_2$ מיליאן איינוואוינער, ס'הייסט כמעט 6 מאל אזוי פיעל וויפיעל ארץ-ישראל האט איצט, איז די קלענסטע צאהל, וועלכע מיר דארפען ערווארטען אין ארץ-ישראל אין דער צוקונפט. בנוגע אבער צו דער פראדוקציאנס-מעגליכקייט פון ארץ-ישראל קאן מען אנוויזען דערויף, אז זי מיט איהרע ברייטע פלאכע ערטער, מיט איהר רייכען גרונד-וואסער האט ביכולת צו פראדוצירען אזוי פיעל דרום-פרוכט ווי סיציליען געווים, נאר ס'קאן זיין נאך מעהר פון דער לעצטער, און סיציליען עקספארטירט איצט 30 מאל אזוי פיעל פרוכט איידער ארץ-ישראל.

פיעל מעהר אבער איינוווינער וועט ערשט ארץ-ישראל קאנען ערנעהרן, ווען איהרע אינדוסטריעלע שאנסען און איהר לאגע, וואס זי איז דער מיטעל-פונקט צווישען אזיען, אפריקא און אייראפא, וועלען ווערען בעסער אויסגענוצט.

[1]) זעהר גרויסע שטיקער ערד געפינען זיך אין איינע הענד.

אויף די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג מיט דער הילף פון די בעהאלטענע ערד אוצרות און פון די וואסער קרעפטען האבען מיר שוין אנגעוויזען, אבער צו בעשרייבען די אלע מינים אינדוסטריען, וועלכע וועלען זיך ענטוויקלען א דאנק דער געוואלטיגער צוקינפטיגער פרוכט-בוימער-קולטור, דער זיידענבוי און דער גרויסער פיה-צוכט איז אונמעגליך.

ס'איז שוין ניט וויים די צייט, ווען די באהנען, וועלכע וועלען פערבינדען די אייראפייאישע שטעדט און די הויפט-שטעדט מיט דרום-אפריקא, וועלען דורכשניידען ארץ-ישראל און דער אלץ וואקסענדער פלאט, וואס שווימט דורך דעם זועץ-קאנאל, וועט בעזארגען פארט-סאאיד מיט גרינס, פרוכט און פלייש פון ארץ-ישראל.

ווער קאן זיך אבער פארשטעלען דעם שטראם פון אויסלענדער, וואס וועט זיך א גאס טהון אין ארץ-ישראל, ווען ס'וועלען זיך דארט אויסבויען האפענס, פערפאלקאמען זיך די אייזענבאהנען און שאסעען, ווען ס'וועט זיך פערגרעסערען דער קאמפארט פון די האטעלען און אין עמק-הירדן וועלען איינגעפיהרט ווערען אלע היינטוועלטיגע אויסבעסערונגען; די געוואלטיגע הכנסות, וואס מצרים האט שוין איצט פונ'ם פרעמדען-פערקעהר קאן דיענען פאר א מאס; יעדער, וואס וועט בעזוכען מצרים, וועט אויך בעזוכען ארץ-ישראל, ווען ס'וועט זיין א בעקוועמער, וואלוועלער און שנעלער פערקעהר צווישען אט די ביידע לענדער, און וויפיעל וועלען בעזוכען אויסשליסליך ארץ-ישראל, מחמת רעליגיעזע צוועקען! שוין איצט ווערט מיט יעדען יאהר גרעסער דער שטראם פון פרעמדען-פערקעהר און די ניי-אויסגעבויטע האטעלען אויפ'ן וועג פון ירושלים—נאזארעט, ווי אויך דער דאמפפער-פערקעהר אויף דעם טבריה-זעע, פערבינדענדיג די אייזענבאהנען, ווערען נאך מעהר מיט-העלפען דער וואקסונג פון דעם דאזיגען שטראם.

צום סוף דארפען מיר בעטראכטען די קלימאטישע תנאים פונ'ם לאנד. אז די יודען פערטראגען גוט דאס קלימאט פון לאנד, דאס איז בלתי ספק; דאס איז דאך זייער געוועזענע היים, און אייב זיי האבען זיך שוין איצט טיילווייז צוגעוועהנט צום מעהר צפונ'ישען קלימאט, איז דער צווייטער דור אבער פיהלט זיך אין ארץ-ישראל

אזוי גוט, ווי די אראבער און בעסער ווי די דייטשען, הגם די לעצטע אבוואוינענדיג א לאנגע צייט אין לאנד, פערטראגען שוין איצט דאס קלימאט פיעל בעסער ווי פריהער, ווי מ'קאן עס זעהן פון דער גרויסער צאהל פון זייערע קינדער

אין פיעל טיילען פון ארץ-ישראל בעגעגענט מען מאלאריא-קדחת, אין איינצעלנע שטעלען אפילו אין דער פארם פון שווארץ-וואסער-קדחת, אבער דורך איינפאכע מיטלען קאן מען דאס רוב ערטער גאנץ לייכט געזונד מאכען, און דארט, וואו די דערפער עקזיסטירען שוין א מעהר לענגערע צייט און דורך זייער קולטור איז דער גרונד-וואסער-שפיעגעל ערנידערט געווארען, פערשווינדט דארט שנעל דאס קדחת. און די שטעדט אבער קאן מען מיט איינפאכע היגיענישע מיטלען אויסבעסערען די סאניטארע תנאים; און די זומפיגע ערטער קאן מען אויסטריקענען אין א משך פון א יאהר דורך קאנאליזאציע אדער דורך איינפלאנצען אייקאליפטוס-וועלדער, וואס אין איניגע פונקטען איז עס מיט ערפאלג געטהון געווארען. אפילו די קאלאניע חדרה, דער סאמע זומפיגסטער ארט צווישען די יודישע קאלאניעס, הייבט שוין אויך אן געזונד ווערען דורך די גרויסארטיגע אייקאליפטוס-וועלדער, וואס דער בארון ראטהשילד האט דארט געפלאנצט, און דורך די דארטיגע ענטוויקלונג פון דער אגרו-קולטור.

בנוגע צו אנדערערע קראנקהייטען, האט א בעדייטונג די טראכאמא, א מצרים-אויגען-קראנקהייט, פון וועלכער אבער אין די יודישע קאלאניעס, א דאנק דער מעדיצינישער גיטער בעהאנדלונג, לייידט מען וועניגער ווי די אראבער.

די קלימאטישע תנאים פון לאנד קאנען בשום אופן ניט שטערען דער קאלאניזאציע, ווי אויך די זומער-היצען, וועלכע ווערען דורך די ים-ווינדען פיעל מילדער, און דער תבואה שניט, די איינציגע וויכטיגע ארבייט אין די זומער-חדשים, קאן אויך פארקומען ביינאכט.

איהר זעהט אלזא, אז פון וואס פאר א שטאנדפונקט מיר זאלען ניט בעטראכטען ארץ-ישראל, ווערען מיר איבערצייגט, אז זי איז און בלייבט א לאנד מיט א גרויסער צוקונפט, און מיט רעכט זאגט דער

רעקטאָר עבערהארד אין סוף פון זיין ארטיקעל איבער די יודישע איינוואנדערונג אין ארץ-ישראל, אז „ווער ס'האט זיך נאר אויסגעלע-רענט צו ווארטען, קאָן אין דעם לאנד נאך גרויסע געשעהנישען דער-לעבען, דאס לאנד איז פונקט ווי דאס לעגענדארישע קייזער-שלאָס פערזונקען אין א פער'כשופ'טען שלאָף, נאר דער מאָמענט פון זיין אויפוואכען זיך איז שוין נאהנט, און דעמאלט וועט עס אראבווארפען פון זיך זיינע אשען-קליידער און וועט געהן אנטקעגען דער צוקונפט, און וועלכער עס וועט זיין, אויסדריקענדיג זיך ביבליש, אנ'ארץ זבת חלב ודבש".

Пудра
Бѣлый Цвѣтокъ


Т-во
А. Ралле
Москва

ПАРФЮМЕРІЯ
СЕРЕБРИСТЫЙ
ЛАНДЫШЪ
Т-во А. РАЛЛЕ и К°

## קטליכע ווערטער וועגען דעם כרמל „אײַזען־ווײַן".
# „ב ר ז ל"

די ראָליע פֿון דעם אײַזען אין מענשליכען קערפּער איז זעהר א וויכטיגע.

דער „אײַזען" פרישט אָפּ און בעלעבט דאָס בלוט, אפילו זיין שיינעם, רויטען פאַרב בעקומט דאָס בלוט אויך פֿון דעם אײַזען.

בלוט, וועלכע ס'דאַט אין זיך ווינציג אײַזען, איז בלאַס שוואַך, אָן פרישקייט, אָן לעבען, אָן ענערגיע, אָן מאַכט.

ווער פֿון אונז האָט ניט באַגעגענט אַזוינע בלוטאַרמע
בלאַסע „פּנים'ער" ? — די באַקען בלאַס, די (Малокровное) ליפּען ווײַס, אונטער די אויגען בלויע פלעקען, קיין טראָפּען בלוט ניטאָ, אַז ס'איז א רחמנות נעבעך אָן צוקוקען.

דאָס ווייסט איהר פֿון וואַנען דאָס קומט ?

דאָס קומט דער פֿון וואָס אין בלוט פעלט אײַזען.

פיל, פיל קראַנקהייטען קומען דערפון, איבערהויפט אין די יונגע יאָהרען.

די בעסטע רפואה צו דעם איז טאַקי ווידער „אײַזען". מען בעדאַרף ממלא זיין דעם חסרון פֿון אײַזען אין בלוט. דערום שרייבען צו דאָקטוירים „אײַזען" אין אַלערליי פאָרמען: פּראָשקעס, פּילולען מיקסטורען א. ד. ג.

ניט לאַנג אָבער האָט זיך איינגעגעבען צו בעקומען אין ארץ־ישראל „אײַזען־ווײַן".

דאָקטוירים האָבען אויסגערעכענט, דאָס אנדערהאַלבען 1½ לעפעל Барзелъ האָט אין זיך אַזוי פיעל „אײַזען" וויפיעל אין דעם שטאַרקסטען רעצעפּט וואָס מען שרייבט צו.

נאָר עס פערשטעהט זיך, דאָס ער איז פיל אנגענעהמער צו טרינקען ווי א רעצעפּט. אפילו קליינע קינדערליך טרינקען איהם גערן.

א גאַנצע פלאַש קאָסט 2.50, א האַלבע—1.30.
אין פּרײַס־קוראַנט № 40

# Издательство „ВОСХОДЪ“ Одесса

1) **Вл. Жаботинскій.**
Наше бытовое явленіе. Цѣна 8 коп.

2) **Д-ръ І. Б. Сапиръ**
Итоги X-го конгресса. Цѣна 5 коп. 25 экз. —1 р. 10 к., 50 экз —2 р., 100 экз.—3 р. 50 к.

3) **Д-ръ Д. С. Пасманикъ.**
Что такое еврейская національная культура? Цѣна 7 к., 25 экз.—1.50 к., 50 экз 2 р. 50 к., 100 экз —4 р.

4) **Д-ръ Д. С. Пасманикъ**
Сіонизмъ. Цѣна 15 коп, 25 экз.—3 руб., 50 экз.—5 руб.

5) **Арфа Сіона**
Цѣна 15 коп., 25 экз.—3 р., 50 экз.—5 руб.

6) **Д-ръ І. Б. Сапиръ**
Итоги XI-го конгресса. Цѣна 5 коп., 25 экз. —1 р. 10 к., 50 экз.—2 р., 100 экз.—3 р. 50 к.

Адресъ для заказовъ:

**Одесса, Д-ру І. Б. Сапиру.**

---

**Самое вѣрное и доступное обезпеченіе семьи, собственной старости и приданнаго дѣтямъ даетъ**

**Харьковское Общество**

## „ВЗАИМОПОМОЩЬ 1893 г.“

Самые низкіе платежи.—Широкая разсрочка взносовъ.

Ссуды—Неоспоримость.—Наибольшіе выкупы и редуцированныя свидѣтельства

**Главноуполномоченный Общества** для Херсонской, Бессарабской и Таврическ. губ. **В. М. КРИВОШЕЙ,** **Троицкая, 28,** г. Одесса.

**Въ Одессѣ и въ предѣлахъ указанныхъ губерній нужны дѣятельныя лица въ качествѣ уполномоченныхъ.**


Типографія А. Ч. Швейцера Одесса.